בס"ד

# דברי תורה מרבינו ראש הישיבה מגור שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת כי תשא תשפ"ב
מאמר א' ס"ג

יו"ל פר' כי תשא תשפ"ג



**לזכר נשמת**

**אדונינו מורינו ורבינו קדוש ישראל ותפארתו,**

**אשר גער בליבותיהן של ישראל**

**רבינו הפני מנחם זצוקללה״ה**

**נתנדב לרגל יומא דהילולא קדישא החל בט״ז אדר**

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו״כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש

מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א

בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש

באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש

אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש

מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה

בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8

באר"י - 037680292

אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

**© כל הזכויות שמורות**

**יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"**

**מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו**

**של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע**

kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין **בני יששכר** (חודש אדר מאמר א אות ט-י) אין נאמען פונעם **אריז"ל** אז חודש אדר איז אנטקעגען די נאז **'חוטם'** - חוש הריח, און ער געבט צו פארשטיין אז דערפאר זענען די נעמען פון די אויסלייזער'ס - גואלים ביים נס פון פורים וואס פאלט אין חודש אדר אנגערופען מיט'ן נאמען 'בְּשָׂמִים' וואס ברענגען הנאה צום חוש הריח, **'מרדכי'** ווערט מרומז אין דאס וואס שטייט **'מר דרור'** (ל, כג) און דער תרגום זאגט דערויף **'מרי דכי'** אזוי וויא ס'שטייט אין חז"ל (מגילה י:), און **'אסתר'** ווערט אנגערופען **'הדסה'** (אסתר ב, ז), עי"ש בדבריו. און אין מיט'ן זיינע ווערטער ברענגט ער די גמרא (ברכות מג:) 'אמר רב זוטרא בר טוביה אמר רב מנין שמברכין על הריח, שנאמר (תהלים קנ, ו) 'כל הנשמה תהלל י-ה', איזהו דבר שהנשמה נהנית ממנו ואין הגוף נהנה ממנו, הוי אומר זה הריח', און ער פרעגט צו וואס דארף מען האבען א ספּציעלע לימוד אז מען דארף מאכען א ברכה אויף די הנאה פון די ריח, אט סתם אזוי זאגען דאך חז"ל (ברכות לה.) אז 'אסור ליהנות מן העולם הזה בלא ברכה' (עי' צל"ח ברכות שם, ושו"ת אבנ"ז או"ח סי' לז מסק"ה), עי"ש שמפרש לדרכו.

**און** נאך קען מען פרעגען, די בהמות און חיות האבען אויך א חוש הריח - טראצדעם וואס זיי האבען נישט קיין 'נשמה', און ס'איז אויך פארהאן אזעלעכע סארט חיות וואס זייערע 'חוש הריח' איז אסאך שטערקער פונעם מענטש. און די **מהרש"א** (שם) געבט צו פארשטיין אז א בהמה אפילו אז זי האט א 'חוש הריח', אבער פונדעסטוועגען האט זי נישט הנאה דערפון, וויבאלד אז זי האט נישט קיין 'נשמה', און נאר א מענטש מיט א 'נשמה' קען הנאה האבען פונעם 'חוש הריח'.

**און** מ'קען זאגען נאך, אז אין די גמרא דארט בסמיכות איז דא נאך א מימרא פון יענעם בעל המימרא, און ס'איז באוואוסט פון די **קדמונים** אז מ'קען דרשנ'ן די סמיכות פון די מימרות אין די גמרא [טראצדעם וואס ס'איז דא פון איהם אסאך מימרות אין די גמרא], און

ס'שטייט דארט (עי' בעין יעקב) 'ואמר רב זוטרא בר טוביה אמר רב עתידים בחורי ישראל שלא טעמו טעם חטא שיתנו ריח טוב כלבנון שנאמר (הושע יד, ז) ילכו יונקותיו ויהי כזית הודו וריח לו כלבנון'. און די גמרא מיינט צו זאגען, אז מ'רעדט דא נישט פון די פשוטע גשמיות'דיגע ריח [וואס פונדעסטוועגען האט נאר די 'נשמה' הנאה דערפון], נאר מ'רעדט דא פון די רוחניות'דיגע ריח וואס גייט ארויף פון די גוטע מעשים, און אזוי וויא דער תרגום זאגט אויפ'ן פסוק 'וריח לו כלבנון' - 'וריחהון כריח קטורת בוסמיא' [און דאס איז כעין די ווערטער פונעם **שפת אמת** - וואס ווערען שפעטער דערמאנט, אז די ריח פונעם קטורת איז געווען א רוחניות'דיגע ריח].

**און** די לשון פון די גמרא איז '**שלא טעמו טעם חטא**', ווער קען זיך בארימען אז ער איז אזוי - ווער קען זאגען אויף זיך אז ער איז אין אזיין מדריגה, דאס איז דאך די מדרגה פון צדיקים גמורים וואס האבען אפילו נישט פארזיכט א טעימה בעלמא פון א חטא. אבער יעדער איינער קען האבען א שייכות צו די ריח טוב כלבנון, אויך דער וואס האט אין זיך אויך אנדערע זאכען - און ער האט נישט אין זיך נאר מעשים טובים, ווייל ביי די קטורת איז געווען י"א סממנים, און די '**חלבנה**' איז געווען צווישען זיי, און ס'שטייט אין די גמרא (כריתות ו:) 'כל תענית שאין בה מפושעי ישראל אינה תענית, שהרי חלבנה ריחה רע ומנאה הכתוב עם סממני קטרת', און 'פושעי ישראל' איז אין די הארץ, אין די הארץ פון יעדער איינער און איינער [און נישט אזוי וויא מיר זענען צוגעוואוינט צו טראכטען אז מיר זענען די 'כשרי ישראל', און מיר זענען מצרף מיט אונז אזעלעכע סארט אנדערע יודען וואס זיי זענען פושעי ישראל], אין טיפעניש פונעם הארץ איז דא א שטיקעל רשעות און א שטיקעל גוי, וואס איז אויסגעמישט אינעם מענטש אזוי וויא די 'חלבנה' וואס איז אויסגעמישט צווישען די אנדערע סממנים פונעם קטורת, וואס מ'דארף איהם ארויס נעמען. און דעריבער טראצדעם וואס מיר זענען נישט אין די מדריגה פון 'לא טעמו טעם חטא', פונדעסטוועגען פון די ארבעט פונעם מענטש וואס ער איז זיך מתגבר אויפ'ן חלק הרע און ער קלויבט אויס די גוטע טייל וואס איז דא אין איהם, פונדעם

גייט ארויף א ריח ניחוח לפניו ית"ש.

**ווייל** אט פרעגט די זוה"ק (ויקהל ריט.) פארוואס ווערט די מזבח הפנימי - די מזבח הקטורת אנגערופען 'מזבח', מ'איז דאך נישט מקריב אויפדעם קיין 'זבחים' [אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (תצוה ל, ט) 'לא תעלו עליו קטרת זרה עולה ומנחה ונסך לא תסכו עליו'], און די 'קטורת' איז נישט קיין 'זבח', ערקלערט די זוה"ק אז דעריבער ווערט עס אנגערופען 'מזבח', וויבאלד אז מען שח'ט אויף איהר דעם יצר הרע. און דאס איז דייקא ביי די מזבח הזהב - וואס דארט איז געווען די אכסניה פונעם קטורת, וואס דורכ'ן ארבעט פונעם מענטש מיט די 'חלבנה' וואס ער פארמאגט אין זיך, אז ער איז זובח זיין יצר - וואס אויפדעם האבען חז"ל געזאגט (סנהדרין מג:) 'כל הזובח את יצרו ומתודה עליו מעלה עליו הכתוב כאילו כיבדו להקב"ה בשני עולמים העולם הזה והעולם הבא דכתיב (תהלים נ, כג) זובח תודה יכבדנני', פון די סארט ארבעט גייט ארויף א ריח טוב כלבנון, דער אמת'ע ריח שהנשמה נהנית ממנו.

**ביי** די קטורת שטייט (ל, לה) 'ממולח טהור קודש', טייטשט רש"י 'ממולח - כתרגומו, מעורב, שיערב שחיקתן יפה יפה זה עם זה. ואומר אני שדומה לו 'וייראו הַמַּלָּחִים' (יונה א, ה), 'מַלָּחַיִךְ וְחֹבְלָיִךְ' (יחזקאל כז, כז), על שם שמהפכין את המים במשוטות כשמנהיגים את הספינה - כאדם המהפך בכף ביצים טרופות לערבן עם המים, וכל דבר שהאדם רוצה לערב יפה יפה מהפכו באצבע או בבזך'. און מ'קען טייטשען אז ס'גייט ארויף אויף יעדער איינער און איינער וואס לעבט דא אויף די וועלט, ווייל די וועלט - העולם הזה איז צוגעגליכען צו די 'ים הגדול' [אזוי וויא דער מהרש"א שרייבט אין מסכת סוטה (ה.) אויפ'ן פסוק (ישעיה נז, כ) 'והרשעים כים נגרש'], און ס'איז אויסגעמישט אין איהר גשמיות און רוחניות, און דער מענטש דארף זעהן דאס גוט אויסצומישען - אזוי וויא די **צדיקים** זי"ע האבען געטייטשט אויפדעם וואס שטייט 'חציו לה' וחציו לכם' - אז מ'דארף דאס צוטיילען אויפ'ן לענג און נישט אויפ'ן ברייט, אז אויך אינדעם **חציו לכם** זאל זיין אויסגעמישט **חציו לה'**, און אזוי אויך אינדעם מענטש אליינט איז דא גשמיות און רוחניות

- און ער דארף זיי גוט אויסמישען, און דער וועג צו זיין א גוטע 'מַלָּח' - נישט ווערען איינגעזינקען אינעם ים הגדול פון די גשמיות פון די וועלט, נאר גוט שווימען אין איהר, איז דורך יראת שמים, און אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק **'וייראו המלחים'** - אז די מנהיגים פונעם שיף האבען געהאט יראת שמים און זיי האבען זיך מגייר געווען.

**און** אט דורכ'ן יראה פון די שטורעם פונעם ים קומט מען צו יראת שמים, אזוי וויא ס'שטייט (קדושין פב.) **'הספנין רובן חסידים'**, און רש"י טייטשט אז דער סיבה דערויף איז וויבאלד אז זיי געפינען זיך אין א מקום סכנה און שטענדיג ציטערען זיי, והדברים קל וחומר, אויב מ'קען ווערען דערציטערט פון גשמיות'דיגן ים, איז כל שכן און אוודאי דארף דער מענטש ציטערען און פארכטען פון די חומריות פון די וועלט, ער איז דא אויף דער וועלט און ער קען אראפ פאלן און פארקריכען, אבער אויב מען מישט דאס גוט אויס מיט יראת שמים, איז עס גוט געמישט, דעמאלט קען מען מחזיק מעמד זיין.

**און** דאס איז וואס דער פסוק אין יחזקאל זאגט 'מַלָּחַיִךְ וְחוֹבְלָיִךְ', וואס לכאורה איז א וואונדער פארוואס רש"י ברענגט נישט קיין ראיה פונדעם וואס שטייט פארדעם אין יענעם פרק (פסוק ט) 'וּמַלָּחֵיהֶם' ד. ה. זייערע ספנים. נאר דער גאנצע פרק דארטען איז א משל אויף 'צור' וואס איז געווען א פארט שטאט מיט אסאך מסחר און עולם הזה, און דער ערשטער פסוק רעדט זיך ווען אלעס איז נאך בתוקפו - מ'ארבעט און מ'רודערט ארום, און דער פסוק פון 'מַלָּחַיִךְ וְחוֹבְלָיִךְ' רעדט זיך ווען מען איז שוין איבערצייגט צו זעהן אז ס'נישט דא קיין שום ממשות אינעם גאנצען גשמיות פונעם עולם הזה, מ'קען מישען און מישען אין עולם הזה און מ'האט גארנישט ארויס פון דעם. און רש"י מיינט אונז אויס צו לערנען אז מען דארף זעהן נישט משקיע צו זיין אינעם גשמיות פון די וועלט, נאר זיין 'ממולח טהור קודש', אז דער מענטש דארף אויס מישען דעם חלבנה וואס ער האט אין זיך מיט די בשמים - מיט יראת שמים און טהרה, דעמאלט גייט ארויף א ריח טוב כלבנון.

**דער שפת אמת** (תצוה תרל"א ד"ה ובמדרש) שרייבט א גרויסע חידוש

אויפ'ן ברייתא וואס מ'זאגט יעדן טאג 'ועוד תני בר קפרא אילו היה נותן בה קורטוב של דבש אין אדם יכול לעמוד מפני ריחה, ולמה אין מערבין בה דבש מפני שהתורה אמרה, כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו אשה לה' (ויקרא ב, יא)', אז געוויס אוודאי מיינט נישט אז די ריח הקטורת איז גלייך צום גשמיות'דיגען ריח וואס מען שמעקט דא אויף די וועלט, נאר ס'מיינט א רוחניות'דיגע ריח - וואס גייט ארויף א ריח ניחוח שאמרתי ונעשה רצוני [מלבד מה שדרשו טעמי המקרא, הרמב"ם במורה נבוכים (ח"ג פמ"ה), והשיג עליו הרמב"ן (תצוה ל, א), ועי"ש ברבינו בחיי], און חז"ל האבען געוואוסט אז אויב מען וואלט אריין געלייגט דערין א קורטוב של דבש, וואלט געווען דערפון א ספּציעלע ריח און א ספּציעלע נחת רוח וואס וואלט געווען באוויליגעט ביים אייבערשטען, און פונדעסטוועגען אין מערבין בה דבש מפני שהתורה אמרה וכו' - ווייל דאס וואס מען איז מבטל די אייגענע רצון צום מאמר ה', די אמונה געבט מער און א בעסערע ריח, און אזוי וויא שמואל האט געזאגט (ש"א טו, כב) 'הנה שמוע מזבח טוב', דאס איז דער רעכטיגע און אמת'ע ריח, וואס מ'בייגט זעך צו א טריקענע פסוק כי כל שאור וכל דבש וגו'.

**און** זיינע הייליגע ווערטער זענען זייער מדוייק אינעם לשון פון די ברייתא '**אין אדם יכול לעמוד מפני ריחה, ולמה אין מערבין בה דבש**', ווייל אויב מען קען טאקע נישטביישטיין צוליב דעם ריח, איז אלץ דעם אליינט וואלט מען נישט אריין געלייגט האניג, און פארוואס דארף מען האבען א ציווי און א טעם נישט אויסצומישען אינדעם קיין האניג, נאר '**אין אדם יכול לעמוד מפני ריחה**' גייט נישט ארויף אויף די מענטשליכע ריח, נאר ס'מיינט דעם ספּציעלען ריח וואס גייט ארויף לעילא, גאר עפּעס אנדערש און גאר גאר א נחת רוח לעילא - וואס א גשמיות'דיגע מענטש קען דאס בכלל נישט ביישטיין און דערגרייכען דעם סארט ריח, און פונדעסטוועגען איז די גרעסטע נחת רוח וואס איז נאר דא, איז דער ביטול זיך מבטל זיין צום אייבערשטען - הנה שמוע מזבח טוב.

**און** דאס איז די ריח הקטורת וואס

יעדער איינער און איינער האט די מעגליכקייט מעלה זיין צום אייבערשטען - אכטונג צו געבען אז זיין דעת און רצון זאלען זיין בטל צום מאמר ה', ווייל ס'איז דא אמאהל וואס דער מענטש האט א ספק וואס איז די רצון ה' פון איהם, און ער מאכט פשעטליך כדי גלייך צושטעלען און פארענטפרען זיינע מעשים אז ער זאל קענען זאגען אז דאס איז די רצון ה', אבער ווען דער מענטש איז זיך באמת מבטל און מכניע - אינטערטעניגט זיך צום רבונו של עולם, איז דאס דער וועג וואס ער קען מקיים דער רצון ה' וואס מ'וויל פון איהם, און מיט זיינע מעשים איז ער מעלה ריח טוב כלבנון.

**און** ס'איז דא א אנדערע ריח אויך - וואס גייט ארויף פון רשעים וואס טוהן תשובה, ווייל ס'שטייט אין מדרש (שהש"ר ז, כ) אויפ'ן פסוק (ז, יד) **'הדודאים נתנו ריח'**, אז ס'גייט ארויף אויפ'ן פסוק (ירמיה כד, א-ב) 'הראני ה' והנה שני דודאי תאנים וגו', הדוד האחד תאנים טובות מאד וגו' והדוד אחד תאנים רעות מאד אשר לא תאכלנה מרע', 'תאנים' איז מרמז אויפ'ן חטא פונעם עץ הדעת וואס לויט איין מאן דאמר תאנה היתה (ברכות מ.), **הדוד האחד** איז פון תאנים טובות מאוד - צדיקים שלא טעמו טעם חטא, **והדוד אחד** איז פון מעשיהם של רשעים, אבערביידע דודאים סיי די גוטע - הטובים און סיי די שלעכטע - הרעים נתנו ריח, אלו ואלו נותנים ריח טוב - ווען די רשעים טוהן תשובה.

**כ"ק אאז"ל הפני מנחם זי"ע** [וואס מיר שטייען נאך אין די טעג פון זיין יארצייט, ווייל אויב ביי די הבלים פון די גוים איז דא א תוקף אויף דריי טעג פריער און דריי טעג שפעטער (ע"ז ז:), איז א קל וחומר און אוודאי ביי די יודישע זאכען איז אזוי, אז ס'נאך דא דער ווארימקייט און דער ברען] האט געזאגט (תולדות עמ' קלז ועי' עמ' קנג) אז דאס וואס חז"ל זאגען אז עתידין בחורי ישראל שלא טעמו טעם חטא שיתנו **'ריח טוב כלבנון'**, אויף די סארט 'ריח' זענען נאר צדיקים גמורים זוכה, אבער יעקב אבינו ע"ה האט אויס גע'פועל'ט אויף די שפעטערדיגע דורות א דרך תיקון אויך פאר די 'בוגדיו', ווייל ס'שטייט (תולדות כז, כז) **'וירח את ריח בגדיו'**, און חז"ל דרשנ'ן (סנהדרין לז.) **'אל תקרי בגדיו אלא בוגדיו'** - אפילו פושעי

ישראל עתידין שיתנו ריח, אז אויך א בעל תשובה וועט זיך אומקערען צו געבען א ריח טוב כלבנון. אט געפינט זיך דער גאנצע פסוק פון (הושע יד, ז) 'ילכו יונקותיו ויהי כזית הודו וריח לו כלבנון', אין די הפטרה פון שבת תשובה, וואס פארדעם שטייט (שם, ה) 'ארפא משובתם אוהבם נדבה', און דער פסוק ענדיגט 'וריח לו כלבנון', איז כ"ק **אאז"ל** ממשיך און ער ברענגט צו דאס וואס שטייט אין מדרש (במ"ר י, א) **'מראהו כלבנון'** (שה"ש ה, טו) - זה שכר בעל תשובה שהוא נקרא סור מרע שעליו אמר הכתוב (הושע יד, ה-ז) 'ארפא משובתם וגו', ויהי כזית הודו וריח לו כלבנון', **'חכו ממתקים'** (שה"ש שם) - ויש לך חיך מתוק מזה, תני רבי שמעון בר יוחאי הרי שהיה אדם רשע גמור כל ימיו, ובסוף הוא תוהא על הראשונות - ער האט חרטה, ער וויל טוישען זיין וועג און גיין אויף א אנדערע וועג און זיין בעסער, און ער ווערט א צדיק גמור, עליו הכתוב אומר (יחזקאל לג, יב) 'ורשעת הרשע לא יכשל בה ביום שובו מרשעו', אמר רבי יוחנן לא עוד אלא כל עבירות שעבר הקב"ה מונה אותן לו זכיות הה"ד (תהלים מה, ט) 'מור ואהלות קציעות כל בגדותיך' - כל בגידות שבגדת בי הרי הן כמור ואהלות בזמן שהן קציעות, ס'האט אויך א גוטע ריח.

**אין** די טעג פון חודש אדר איז דער צייט דערויף, ווייל אדר איז א זמן פון תשובה, **'אדר'** איז פונעם לשון **'הדור'** - זיך אומקערען און תשובה טוהן, לאמיר זיך אומקערען צום אייבערשטען און תשובה טוהן, באמת מקבל צו זיין און באמת תשובה צו טוהן, און צו דינען דעם אייבערשטען.